PAR AVION
BY AIR MAIL
PER LUGPOS

33

Mr. E. Shreier.

c/o Mr. J. Zrubovel.

62, Pinsker str.

Tel Aviv.

Israel.

ד.אַ. יידישע קולטור־פעדעראַציע
YIDDISH CULTURAL FEDERATION
[illegible] 6520, JOHANNESBURG
[illegible]lephone 34-2239

# "DOREM AFRIKE"

Monthly Journal of the South African
Yiddish Cultural Federation

OFFICE:

62, SECURITY BUILDINGS
95, Commissioner Street
Johannesburg

P.O. Box 6520 Phone 34-2239

# „דרום אַפריקע"

חדש־שריפט פון דער דרום־אַפריקאַנער
יידישער קולטור־פעדעראַציע

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:

62, סעקיוריטי געביידע,
95, קאָמישיאָנער גאַס,
יאָהאַנעסבורג.

פ.ק.: 6520 טעל. 34-2239


דעם 29טן פעברואר, 1956

חשובער פריינד אפרים שרייער:

מיר לייגן דא ביי א טשעק - שכר סופרים - פאר אייער ארטיקל "י. זרובבל - די פי קאליריקע פערזענלעכקייט", וואס איז געווען געדרוקט אין אונדזער פעברואר-נומער.

מיט פריינדלעכע גרוסן,

אייער,

ד. וואלפ

רעדאקטאר

"DOREM AFRIKE"
Monthly Journal of the South African Yiddish Cultural Federation

OFFICE:
62, SECURITY BUILDINGS
95, Commissioner Street
Johannesburg
P.O. Box 6520 Phone 34-2239

„דרום אַפריקע"
חדש־שריפט פון דער דרום־אַפריקאַנער
ידישער קולטור־פעדעראַציע

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
62, סעקיוריטי געביידע,
95, קאָמישיאָנער גאַס,
יאָהאַנעסבורג.
פ.ק.: 6520 טעל. 34-2239

דעם 3טן מיי, 1956

מיין ליבער אפרים שרייער:

אייער ארטיקל "פ. מ. דאסטאיעווסקי" מיטן בריוול צו מיר אקערשט דערהאלטן - א דאנק מיר וועלן אייך שיקן דעם זשורנאל אויף אייער פריוואטן אדרעס רעגולער, אנהייבנדיק פו[ן] פעברואר-נומער אין וועלכן אייער ארטיקל איז געווען געדרוקט. איך שרייב גראדע איצט אן ענטפער צו י. זרובבל אויף זיינעם א בריוו.

וועגן גורל פון ארטיקל קאן איך אייך צום מאמענט גארניט זאגן. איך האב אים נאך נ[ישט] געלייענט, נאר אויב ער וועט זיין פאסיק פאר אונדזער זשורנאל וועט ער געדרוקט זיין אין איינעם פון די קומענדיקע נומערן. דער בעסטער סימן וועט זיין אז איר וועט קריגן דעם האנאראר צוגעשיקט.

וועגן זיך: שוין איבער 4 יאר אין דער מדינה. די היגע גבירים גייט עס - אויף אלע יידן געזאגט געווארן, נאר מיר מאטערן זיך א ביסל מיט פרנסה. דער עקר ביטחון! איך האב יא א שטיקל עשירו - 2 יינגעלעך מיט א מיידעלע. מיין בכורל ווערט באלד 8 יאר אלט.

ווי גייט עס אייך? וואס טוט איר? וואס מאכט איר בכלל? אגב, א דאנק פאר די ווערט[ע] פון פערזענלעכער אנערקענונג צו מיר.

ל. שאליט איז דא. געזונט און א שטיקל באלעבאס אין "אפריקאנער יישישע צייטונג". אים איבערגעגעבן אייער גרוס. ער לאזט אייך צוריק גריסן.

איך האף באלד ווידער פון אייך צו הערן.

מיט הארציקע גרוסן,

אייר -

פ. ס. איך לייג דא ביי מיין פריוואט-אדרעס.

105

105

Mr. Efraim Schreier.

Hadar Joseff.

177/7

Israel.

ד.א. יידישע קולטור־פעדעראציע
S.A. YIDDISH CULTURAL FEDERATION
P.O. Box 6520, JOHANNESBURG
Telephone 34-2239

# "DOREM AFRIKE"

Monthly Journal of the South African
Yiddish Cultural Federation

OFFICE:

62, SECURITY BUILDINGS
95, Commissioner Street
Johannesburg

P.O. Box 6520 Phone 34-2239

# "דרום אַפריקע„

חדש־שריפט פון דער דרום־אַפריקאַנער
יידישער קולטור־פעדעראַציע

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:

62, סעקיורטי געביידע,
95, קאַמישיאָנער גאַס,
יאָהאַנעסבורג.

פ.ק.: 6520 טעל.: 34-2239


דעם 31טן יולי, 1956

מיין ליבער אפרים שרייער:

אויף מיין לעצט בריוול האב איך נאך דערוויייל קיין תשובה פון אייך ניט באקומען.

אייער ארטיקל "פ. מ. דאסטאיעווסקי" וואלטן מיר שוין לאנג ארייננעגעבן, נאר עס איז א ביסעלע צו קורץ און ניט גרינטלעך און טיף ארומנעמענדיק. אזא ליטערארישע דערשינונג ווי דאסטאיעווסקי קאן ניט אפגעפטרט ווערן על רגל אחת. די טעמע מוז חמציחדיק אויסגעשעפט ווערן.

אויב איר קאנט און זייט מסכים דעם ארטיקל אין דעם זין אויסצוברייטערן און צו באארבעטן, געוויינלעך אין זעלבן סטיל און אויסגעהאלטנקייט, דאן קועלן מיר אים דרוקן.
צו אונדז מוז דער ארטיקל אנקומען ניט שפעטער ווי אקטאבער ד"י.

איך דערווארט פון אייך א באלדיקע תשובה.

מיט פריינדלעכע און חברישע גרוסן,

אייער,

ד. וואלפע
ד. וואלפע

JOHANNESBURG
16.00
14-VIII
1956
A

Mr. Ephraim Shreier.

)Tel)a Hadar Joseph.

177/7

Israel.


ד.א. יידישע קולטור־פעדעראציע
S.A YIDDISH CULTURAL FEDERATION
P.O. Box 6520, JOHANNESBURG
Telephona 34-2239

# "DOREM AFRIKE"

Monthly Journal of the South African Yiddish Cultural Federation

# „דרום אַפריקע"

חדש־שריפט פון דער דרום־אַפריקאַנער ייִדישער קולטור־פעדעראַציע



OFFICE:

62, SECURITY BUILDINGS

95, Commissioner Street

Johannesburg

P.O. Box 6520 Phone 34-2239

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:

62, סעקיוריטי געביידע,

95, קאָמישיאָנער גאַס,

יאָהאַנעסבורג.

פ.ק.: 6520 טעל.: 34-2239


דעם 1טן נאָוועמבער, 1956

מיין ליבער אפרים שרייער:

אייער בריוו באַקומען - א דאנק.

אייער אויפקלערונג וועגן דאסטאיעווסקי-ארטיקל, אז עס איז שוין איצט צו שפעט צו פארטיפערן און אויסברייטערן איז גאנץ לאגיש און איך אקצעפטיר אייער מיינונג.

אויב איר האט נויטיק דעם מאנוסקריפט קאנען מיר אים, לויט אייער פארלאנג, צו- ריקשיקן, איר דארפט אונדז נאר שרייבן.

וועגן קומען קיין ישראל אויף א טור איז עס ביי מיר צום מאמענט ניט אקטועל. מיר לאזן עס דערווייל פאר די גרעסערע קאפיטאליסטן... איך האף דאך, אז איין טאג וועט זיך מוזן צוכאפן א קוק טאן ווי איר לעבט זיך אלע, און ממילא זיך קאנען צו- זאמענטרעפן מיט אייגענע פריינד און חברים - ביי אייך אין ליטעראטן-קלוב - אוי, ווי גרויס די שימחה וועט זיין!

א גרוס פון שאליטן.

מיט הארציקע גרוסן,

אייער,

ד. וואלפע




EFRAIM SHREIER.

DAVAR JOSEFF 177/7

TEL AVIV.

ISRAEL.

ד.א. יידישע קולטור־פעדעראציע
S A YIDDISH CULTURAL FEDERATION
P.O. Box 6520, JOHANNESBURG
Telephone 34-2239